## קאַפּיטל צוויי

1 און אייך, וואָס איר זענט געווען טויט אין אייערע
2 עבירות און חטאים, אין וועלכע איר האָט אַמאָל
געוואַנדלט לויט דעם צייטלויף פֿון דער וועלט,
לויט דעם שר פֿון דער מאַכט פֿון דער לופֿט, פֿון דעם
גייסט, וואָס ווירקט איצט אין די קינדער פֿון
3 ווידערשפּעניקייט—צווישן וועלכע מיר האָבן אויך
אַמאָל געלעבט אין די תאוות פֿון אונזער פֿלייש,
טוענדיק דעם ווילן פֿון דעם פֿלייש און פֿון דעם
פֿאַרשטאַנד, און לויט דער נאַטור זענען מיר געווען
קינדער פֿון צאָרן פּונקט אַזוי ווי אַפֿילו די אַנדערע;—
4 ג־ט אָבער, זייענדיק רייך אין רחמים, האָט צוליב
זיין גרויסער ליבע, מיט וועלכער ער האָט אונז
5 ליב געהאַט, אַפֿילו ווען מיר זענען געווען טויט
אין די עבירות, אונז לעבעדיק געמאַכט צוזאַמען
מיט דעם משיח—מיט חסד זענט איר געראַטעוועט
6 געוואָרן—, און האָט אונז אויפֿגעוועקט און אונז
אַוועקגעזעצט צוזאַמען מיט דעם משיח ישוע
7 אין די הימלישע ערטער; כּדי צו ווייזן אין די
קומענדיקע וועלטצייטן די שפע פֿון דער עשירות
פֿון זיין חסד אין גוטסקייט לגבי אונז אינם משיח
8 ישוע; וואָרום מיט חסד זענט איר געראַטעוועט
געוואָרן דורך אמונה, און דאָס נישט פֿון אייך
9 אַליין, עס איז אַ מתנה פֿון ג־ט; נישט פֿון מעשים
(טובים), כּדי קיינער זאָל זיך נישט באַרימען.
10 וואָרום מיר זענען זיין ווערק, באַשאַפֿן אינם משיח
ישוע צו מעשים טובים, וועלכע ג־ט האָט פֿאָרויס
צוגעגרייט, אַז מיר זאָלן וואַנדלען אין זיי.
11 צוליב דעם זאָלט איר געדענקען, אַז אַמאָל זענט